בעזהשי"ת

גליון י"ח

וויאזוי צו לערנען:

# א שטיקל
# גמרא

די סיבות פארוואס אסאך מוטשענען זיך דערמיט
און די 'פשוטע זאכן' וויאזוי עס צו פארלייכטערן

ווי מער איר וועט נאכפאלגן דעם ספר, אלס מער וועט איר פילן
א 'געשמאק' אין לערנען און דעם 'זיסען טעם' אין א שטיקל גמרא

מכון תכלית הפשטות

# ברכת התורה

מעומק הלב ובהכרת טובה אנו מברכים ברכת תודה וברכה

אל מול פני הגה"צ כש"ת

רבי שמואל דוד סאקס שליט"א

אב"ד שכונת קעסקעיד וויליאמסבורג

על שהאיר לנו בטובו בהערותיו הנכונות הישרות והיה לנו לעינים

יהי רצון שיזכה להרבוץ תורה בישראל עוד רבות בשנים

מתוך בריות גופא ונהורא מעליא עד ביאת הגואל בב"א

כברכת המערכת

**כל הזכיות שמורות**

נטע יואל האלפערט

מרביץ תורה בישיבה תורה ויראה דסאטמאר - וויליאמסבורג

©

Copyright 2022

**פאר הערות און נדבות קענט איר קענט שיקן אן אימעיל צו**

**"מכון תכלית הפשטות"**

Hapashtis@gmail.com

**(646) 598-7074**

**צו באקומען פריערדיגע גליונות דריקט דא**

אבצענ'טער קאפיטל

# ענדיגן ש"ס

די ווערטער 'ענדיגן ש"ס' טראגט אין זיך עפעס א מורא'דיגן כח. עס צינדט אן אין יעדן א אינערליכן חשק זיך אריין צו ווארפן אין די גמרא, און עס איז יעדן איד'ס חלום צו אמאל זוכה זיין צו ענדיגן ש"ס.

אבער מען דארף דאס אביסל אויסשמועסן. מען דארף נעמען די סוגיא פון 'ענדיגן ש"ס' און עס ארויפלייגן אויפן טיש, ווייל אסאך מענטשן זענען אביסל צושאקלט פון דעם גאנצן ענין...

הגם, באמת איז דאס צוויי אנדערע זאכן. - לערנען גמרא, איז איין פאך וואס מען דארף זיך דערלערנען, און ענדיגן ש"ס איז נאך א גאנצע נייע קונץ דורכצופירן, און דער ספר איז געשריבן בעיקר וויאזוי 'צו לערנען גמרא'. דאך מוז מען איין קאפיטל רעדן פון ענדיגן ש"ס, ווייל דאס איז גאר א וויכטיגע נושא אויסצוקלארן.

ענדיגן ש"ס, פון איין זייט האט עס א מורא'דיגן כח צו טרייבן מענטשן צו די גמרא און זיי אראפזעצן לערנען טאג נאך טאג, מיט מסירות נפש.

אבער - ווי וואונדערליך עס הערט זיך - איז פון די אנדערע זייט האט עס א פארקערט'ן כח, שטילערהייט ארויסצושאקלען מענטשן פון די גמרא. ווייל מענטשן ווערן מיואש, זיי טראכטן ביי זיך: איך גיי סיווי קיינמאל נישט ענדיגן ש"ס, וואס האב איך פון לערנען...?

מען וויל אזוי שטארק ענדיגן ש"ס, - אבער עס גייט נישט... פארלירט מען דעם חשק צו לערנען... (און דאס אליינס איז גורם אז מ'זאל נישט ענדיגן ש"ס...) ווייל דער מענטש

פילט אז ער פלאגט זיך אומזינסט, ווייל איך גיי סייווי נישט ענדיגן ש"ס...!

דארפן מיר זעהן וויאזוי צו ניצן דעם אוסטערלישן כח פון ענדיגן ש"ס, נאר אונז צו 'העלפן', נישט ח"ו אונז צו 'שטערן'.

לאמיר קודם זעהן, אפאר עצות וואס קען אונז אפשר העלפן אנקומען צו דעם געוואלדיגן ציל צו ענדיגן ש"ס.

צום ערשט דארף מען אינאכט נעמען א פשוטע זאך; עס איז בכלל נישט דא אזא זאך ווי 'ענדיגן' ש"ס... עס איז נאר דא 'לערנען' ש"ס.

וואס הייסט?

א מענטש קען זיך אראפזעצן און ענדיגן תהילים, אבער ש"ס, איז נישט מעגליך זיך אראפ צו זעצן און עס 'ענדיגן'. וואס איז יא מעגליך איז, צו לערנען 'איין שטיקל'. דאס אלעס.

"ענדיגן" איז נישט קיין זאך וואס א מענטש קען טון, אפילו ווען די לערנסט דעם לעצטן בלאט אין מס' נדה, האסטו אויך נאר געלערנט 'איין בלאט', האסט נישט געענדיגט... - נאר אויב די האסט די 'אנדערע טעג' געלערנט די אנדערע בלעטער... וואס יענע טעג, האסטו 'אויך נישט' געענדיגט ש"ס...

נו ווען "ענדיגט מען יא?" - קיינמאל נישט. 'עס איז נישט דא אזא זאך'...

וואס איז יא דא? - לערנען 'איין בלאט גמרא'. נאר דאס איז דא. - אה... דאס קען איך זייער גרינג באווייזן, 'דאס' איז נישט שווער.

און אויב די האלטסט דאס כסדר אין-איין טון, וועט קומען א טאג וואס די וועסט אויך נאר לערנען 'איין שטיקעלע גמרא', און די גייסט האבן געענדיגט ש"ס..! ווייל צו ענדיגן ש"ס, מוזטו גארנישט, אויסער לערנען 'היינט'.

אויב אזוי, איז נישט שווער צו ענדיגן ש"ס... ווייל 'מען ענדיגט בכלל נישט קיין ש"ס'. עס איז קיינמאל נישט דא א טאג וואס 'די מוזט היינט' ענדיגן גאנץ ש"ס, די מוזט נאר 'לערנען איין שטיקל גמרא'.

מענטשן מישן די בלעטער צו סוף מסכת און אנהייב מס', און קוקן "וואס איך דארף נאך אלץ לערנען..." - ס'איז נאריש, און ס'איז נישט אמת, ווייל עס ליגט נישט אויף דיין

קאפ צו לערנען גאנץ ש"ס אויפאמאל. מאך נישט קיין חשבונות: אזויפיל מסכתות האב איך שוין געלערנט, און אזויפיל דארף איך נאך אנקומען... ניין, דאס איז נישט דער חשבון צו מאכן דא. די חשבון איז 'וויפיל האב איך היינט געלערנט'? - אויב האב איך היינט געלערנט 'ענדיג איך ש"ס'. אויב נישט, בין איך אויף צרות...

טראג נישט קיין דאגה פון אלע אנדערע מסכתות און אלע אנדערע בלעטער, לייג אריין דיין גאנצן כח אין 'דעם בלאט' וואס די האלטססט יעצט.

מ'לערנט אייביג נאר דעם היינטיגן שיעור. - די היינטיגע בלאט קען איך לערנען? - יא! - פיין, איך גיי לערנען דעם היינטיגן שיעור אין פערטיג. ווי לאנג נעמט דיר עס?... א שעה? צוויי שעה? לערן עס און פערטיג. און דאס דארפסטו דאך 'סייווי טון', און די טוסט עס סייווי, [אן דעם איז מען דאך נישט קיין געהעריגער איד...] פונקט ווי די דארפסט עסן, דאווענען, ארבייטן, און טון אלע אנדערע זאכן פון דיין טאג. 'נו לערן דעם שיעור', און הער אויף צו טראגן דאגות.

דאס יא, די דארפסט האלטן א סדר, און א שטארקן חשבון, און זיכער מאכן אז די שטעלסט דיר נישט אפ! אבער ווילאנג די לערנסט דיין היינטיגע שיעור 'גייסטו ענדיגן ש"ס...'

די גאנצע שוועריגקייט צו ענדיגן ש"ס ליגט אינעם היינטיגן שיעור. נישט אין אלע אנדערע בלעטער פון ש"ס... דערפאר איז אייביג דא זייער שווערע נסיונות צו לערנען 'היינט'. אין דעם לייגט דער יצר אריין די גאנצע מלחמה - אבער פון די אנדערע זייט, איז 'איין טאג' זייער גרינג צו געווינען... און אויב די האסט געלערנט 'היינט' ביזטו דער געווינער! און איך מוז דאך סייווי לערנען היינט, ווי דער לשון הרמב"ם: 'כל איש מישראל חייב בתלמוד תורה. בין עני, בין עשיר, בין שלם בגופו, בין בעל יסורים, בין בחור, בין זקן גדול שתשש כוחו. אפי' עני המחזר על הפתחים, ואפי' בעל אשה ובנים, [א פארנומענע טאטע א שטוב מיט קינדער...] חייב לקבוע לו זמן לתלמוד תורה ביום ובלילה. (הל' תלמוד תורה פ"א ח) - און איך וויל דאך לערנען, - נו וואס איז דער פראבלעם צו ענדיגן ש"ס בכלל...? איין שטיקל גמרא?! וואס איז אזוי געפערליך?!

לאמיר זאגן אויב די וואלסט געהאלטן ביים לעצטן בלאט פון נדה, היינט איז דער סיום... וואלסטו געטראפן צייט צו לערנען... די זעלבע חשוב איז דער היינטיגער דף, ווייל איך לערן שטענדיג נאר איין בלאט..! ווייל גאנץ ש"ס, באשטייט פונעם היינטיגן שיעור... ווייל איך קען סייווי נישט טון מער ווי איין טאג אויפאמאל.

דערפאר אז די ווילסט זיך אינטערנעמען צו ענדיגן ש"ס איז די אמת'ע קשיא זיך צו פרעגן: בין איך גרייט צו לערנען יעדן טאג דעם שיעור און איבערקומען אלע שוועריגקייטן ביזן סוף? - 'דאס' דארף מען באשליסן ביי זיך מיט אייזערנע שטארקייט.

נאר וואס דען געשעהט? - עס איז דא אסאך מיני 'צייטן' וואס א מענטש האט אין לעבן. אמאל א שמחה, אמאל איז מען פארנומען, אמאל א חולה ל"ע, אמאל אפאר זאכן אויפאיינמאל... און דעמאלס קען זיין 'זייער שווער' אנצוהאלטן דעם שיעור...

אזא טאג געדענק, עס נעמט נישט מער ווי איין מינוט אויפצושרייבן אז 'דעם טאג' האב איך פארפאסט. און דערנאך מוז יעדער טרעפן זיינע עצות וואס ארבייטן פאר אים, ווען און וויאזוי, ער גייט דאס לערנען. אפשר האסטו א שבת/זונטאג, אדער ווען די קומסט אן צו בלעטער אגדתא, אדער דורך שעורים אויפן טעלעפאן אויף די בלעטער... ס'איז דא אסאך עצות.

און די אלע בלעטער, איז אויך אייביג נאר 'איין שיעור' אויפאמאל... און איין שיעור קען מען נאך לערנען...

העכסטנס ווען די ענדיגסט ש"ס אויפן סדר, קענסטו גיבן אפילו 'א גאנצע יאר' צו ענדיגן אלע פארפאסטע בלעטער...

און דאס נעמט אביסל אראפ די גרעסטע שוועריגקייט ביים ענדיגן ש"ס. וואס איז אזוי שווער מיט ש"ס? - פשוט עס איז זייער זייער גרויס. ש"ס איז ריזיג! גרעסער פון א מענטשנס מעגליכקייטן... - אבער אז איך לערן אייביג נאר איין שיעור, וואס שטערט מיר יעצט די אנדערע טויזנטער בלעטער? איך לערן מיר 'מיין עמוד', וואס איך וויל סייווי לערנען, און פארטיג.

נאך א וויכטיגע זאך. כדי צו קענען "אנהאלטן למעשה אויף לאנגע יארן" מוזטו זיך מסדר זיין מיט א גרינגע פשוטע סדר.

און לאמיר דאס מסביר זיין.

פונקט ווי ביי א ביזנעס, ווייסט יעדער סוחר, אז די ווילסט קענען ריקן סחורה מוזטו האבן גאר א פשוטע סיסטעם וויאזוי דיין ביזנעס ארבייט. אויב זאכן זענען קאמפליצירט און שווער אויסצופירן, אז די דארפסט דורכגיין קריעת ים סוף יעדעס מאל די דארפסט ארויסשיקן סחורה, גייסטו צוביסלעך ווערן אויסגעברענט, און מיט

די צייט אפשפארן דאס געשעפט... דערפאר וועט א קלוגער ביזנעסמאן שטענדיג זוכן גרינגערע און לייכטערע וועגן, אויסצופירן וואס די ביזנעס דארף אהערשטעלן, און ווי מער א פשוט'ער סדר דו מאכסט, אלס מער ביזטו אויסגעשטעלט צו מצליח זיין.

דאס זעלבע איז ביי א סדר פון לערנען, דארפסטו פראבירן עס אויסצושטעלן ווי מער גרינג און 'ארייגעפלאכטן אין דיין סדר היום', [ווייט מעגליך...]

מען רעדט נישט יעצט פון די גמרא אליין, די גמרא מעג זיין שווער [און דארף זיין שווער... עס אסאך אינטערסאנטער...] מען רעדט יעצט פון דיין 'סדר' פון קונה זיין ש"ס, דארפסטו פראבירן שטענדיג טרעפן אופנים עס צו מאכן גרינגער. די משנה זאגט: מ'זאל וואוינען אין א מקום תורה, (אבות ו ט - ד יד) דארט האסטו רבי'ס מיט חבירים דיר גרינגער צו מאכן, אויב האסטו נישט קיינער זאל דיר העלפן, גייט עס נישט ארבייטן.

למשל, אז דו האסט נאר איין שעה צום לערנען, און דו דארפסט וואקן צוואנציג מינוט צום ביהמ"ד, און די לעצע צען מינוט דאווענט מען שוין מעריב... און דיין חברותא קומט נישט אייביג... דאס מיינט זיין 'מסודר פאר א דורכפאל'. דו דארפסט 'א נס' צו ענדיגן ש"ס, און אזעלכע ניסים געשעט נישט געווענדליך...

דו דארפסט זיין מסודר מיט די בעסטע חברותות וואס 'רופן דיר', און זענען נישט נייגעריג אין גארנישט נאר אין לערנען. אויך דארפסטו 'בעק אפ פלענס'... וואס איז די פלאן ווען עס קומט א שמחה אדער ערבי ימים טובים. דו מוזט האבן א 'גאנצן טאג' אויפן קאפ די שאלה: וויאזוי גיי איך דאס ארייינריקן?

טראכט עצות: וויאזוי קען איך מיר אויסשטעלן א בעסערע 'סיסטעם'? - גיי לערן אין א נענטערע ביהמ"ד, אדער הער אויס א 'שיעור תמצית הדף' אויפן וועג... וכדומה.

יעדע שוועריגקייט האט אן עצה. מען דארף נאר אביסל טראכטן, וועט דיר בייפאלן 'בעסערע וועגן' וויאזוי עס צו טון. מ'דארף זיין כיטער'ע, ווי שלמה המלך זאגט (משלי כ יח) ובתחבלות עשה מלחמה. מ'קען זיך נישט סתם 'אריין-פארקן' אין א שיעור... און ווארטן אז מ'זאל אנקומען צו נדה דף עג.

נאך א הויפט פראבלעם וואס געווענליכע מענטשן האבן, [און גרויסע תלמידי חכמים האבן נישט...] אז ווען מען גייט אויפן סדר פון ענדיגן ש"ס, לערנט מען כסדר נייע גמרות, און ווען מען הייבט אן, האט מען נישט קיין אנונג וואס די גמרא גייט דא זאגן, און עס

נעמט אסאך צייט און כח, פשוט צו 'אנהייבן זען' וואס מען גייט דא לערנען אויף דעם עמוד...

דאס איז א שווערינקייט וואס צומאל דארף מען עס זוכן צו פארמיידן. [ספעציעל אויב זאכן נעמען צו לאנג...]

די מערסטע צייט נעמט צו לערנען א גמרא 'ביים ערשטן מאל לערנען'. דערפאר, אויב דיין ציל איז יעצט צו דורכלערנען גאנץ ש"ס, און די האלסט ביי א שווערע סוגיא וואס נעמט אסאך צייט, מער וויפיל די האסט יעצט אין דעי מצב פון דיין לעבן... דארף מען צומאל נוצן 'הילף' דורכצוברעכן דעם ערשטן מויער וואס נעמט ארום די גמרא... דורך סיי וועלכע עצות די קענסט נאר האבן. ארטסקרול, מתיבתא, הערן מגידי שיעורים, פרעגן מענטשן, ועוד.

אזוי אויך, אמאל זעט איינער אז ער בלייבט נישט מיט קיין צייט צו חזר'ן, ווייל דאס לערנען נעמט אים צופיל צייט. אזא איינער מוז אויך מאכן 'דעם ערשטע מאל' גיין שנעלער, ווייל מ'מוז דאך חזר'ן אויכעט... דער יצר איז [בדיעבד] מסכים אז דו זאלסט דיך פלאגן אין די גמרא, אבי די זאלסט לערנען א גמרא נאר איין מאל...

ווייל צו 'גארנישט חזרן', דאס איז נישט קיין תכלית. ענדערש שנייד אראפ פון דיין ערשטע-מאל פלאג, צו בלייבן מיט כאטש אביסל צייט צו חזר'ן.

דו ווילסט דאך עס 'קונה זיין'. נישט סתם 'דורכלערנען'. דערפאר האלט קאפ, אויב די ערשטע מאל לערנען נעמט אויף צופיל צייט און כח. האלט 'קאנטראל' אז דער פלאן זאל ארבייטן ווי א גליטשיגער מאשין.

*

ר' קלמן, א מיטליעריגער איד פון ברוקלין, האט א פארנומענעם ארבייטס טאג. דאס וועקער זייגערל קלינגט שוין פינף דרייסיג. ער דאווענט מיטן ערשטן מנין און לויפט צו דער ארבייט. ער טאר נישט אנקומען שפעט, ווייל אויב יא גייט אים די גאנצע טאג אויף רעדער.

ס'איז זייער וויכטיג פאר ר' קלמן'ען צו זיין אויסגעריעט. ער קען זיך נישט ערלויבן צו מאכן טעותים ביי דער-ארבייט, יעדער טעות קען אים אריינציען און גרויסע

פראבלעמען, ממילא מוז ער זיך לייגן פרי שלאפן. ער גייט טאקע פרי צו מעריב, און גייט אהיים און לייגט זיך צייטליך.

די פראבלעם איז נאר, אז ער קען נישט איינשלאפן...

מיט יעדע פופצן מינוט וואס גייט דורך, און ער קוקט נאכאמאל אויפן זייגער, ווערט ער מער און מער נערוועז. וואס גייט דא זיין? איך מוז דאך שוין באלד אויפשטיין, און איך בין נאך ניטאמאל איינגעשלאפן.

ער האט שוין פראבירט ווייטעמינען, א גרידער-מאשין, וכו', נישט קיין סאך געהאלפן.

נאך א שטיק צייט נישט שלאפן געהעריג, גייט ער צום דאקטער. קומט אריין דער דאקטער מיטן ווייסן חאלאט, א גרייז גרויער מיט א ביסל עקספיריענס אין לעבן, באטראכט אים, און הערט אים אויס זיין סדר היום, ער קוקט ארויס פון אונטער די ברילן און זאגט אים רואיג אין איינגענעם: הערט מיר אויס ר' קלמן.

דו גייסט שלאפן פאר איין סיבה, ווייל די ווילסט אויפשטיין. די ווילסט שלאפן - צו אויפשטיין. דיין מח ווערט צומישט, ער ווייסט נישט וואס צו טון, מען דארף יעצט שלאפן? צו מען דארף יעצט אויפשטיין... ווען דעם ר' קלמן איז מיין עצה, אז דו זאלסט דיך אביסל בארואיגן [אפילו דו וואוינסט אין ניו יארק] אין ווען עס קומט די צייט פון שלאפן זאל עס זיין א צייט פון זיך "אפרוען" און זיך אפרייסן פון די טעגליכע סטרעס. וועט דיין מח וויסן אז יעצט איז 'שלאפן', נישט 'אויפשטיין'.

א שיינע מעשה...

אבער אסאך מענטשן זענען אזוי ווען עס קומט צום לערנען 'גמרא'. די איינציגסטע זאך וואס ציעט זיי צום לערנען איז, אז מען גייט 'ענדיגן ש"ס' און מ'גייט ענדיגן די מסכתא. און מען גייט האבן געענדיגט.! - דער מח ווערט צומישט, ער וויל 'לערנען'? אדער ער וויל "ענדיגן" צו לערנען... ער וויל זיך אריינלייגן אין די מסכת? אדער ער וויל שוין לויפן צו אן אנדערע מסכת...?

צענדליגער טויזענטער מענטשן האבן שוין אנגעהויבן ש"ס! און וויפיל ענדיגן..? זייער ווייניג - פארוואס איז דאס אזוי? יעדער הייבט דאך אן מיט א אמת'ע קבלה, און א פעסטע רצון צו ענדיגן ש"ס, אויב אזוי פארוואס ענדיגן זיי נישט? און מען רעדט דא פון מענטשן וואס האבן אויסגעפירט שווערע זאכן אין לעבן, אויפגעשטעלט שטובער, געעפנט ביסנעסער, חתונה געמאכט קינדער, יעדע זאך פון זייער טאג ווערט

אויסגעפירט מיט אחריות. פארוואס פונקט ש"ס קען מען עפעס נישט ענדיגן?

איינער פון די תירוצים איז, ווייל מען וויל נאר 'ענדיגן' נישט 'לערנען'.

ער האט נאכנישט קלאר באשלאסן אז ער וויל לערנען 'יעדן טאג אסאך גמרא', - ער האט נאר באשלאסן אז ער וויל זייער וויכטיג ענדיגן ש"ס! - און וואס זאל ער נעבעך טון אז כדי צו ענדיגן ש"ס מוז ער נעבעך לערנען.... - אודאי ארבעט עס נישט.

מען שטרעבט צו האבן דעם געהויבענע געפיל פון האבן מסיים געווען ש"ס. וואס די זכי' פון דעם איז טאקע אין דוגמתו, אבער צו זיצן און לערנען 'אפאר שורות' פון דעם 'זעלבן ש"ס', פילט מען עפעס נישט אזא זכי'... און מען האט נישט אזא תאוה דערצו ווי צו ענדיגן ש"ס.

אבער די פריילִיכע ענדע, מיטן גרויסן סיום, מיט אירע געוואלדיגע געפילן, קומט אן נאר נאך 'אסאך יארן'. - אבער די 'שווערע ארבייט', פון לערנען יעדן טאג, דעי 'קליינע שטיקלעך גמרא' וואס מען דארף זיך אויף דעם "פלאגן", דאס האט דער מענטש טאג נאך טאג, יעדעס מאל וואס ער זעצט זיך לערנען. ער פילט נישט יעצט דעם געהויבנקייט פונעם סיום וואס וועט פארקומען הערשט אין יארן ארום.

יעצט פרעג דיר אליין, ווי לאנג איז א מענטש גרייט צו שוויצן, יעדן טאג ביים שיעור, אויב ער האט נאר די 'איינע' באצאלדינג, אז אין זעקס יאר ארום, גייט ער האבן א גוטער געפיל פון ענדיגן ש"ס?

נישט צו לאנג..!

דערפאר, מוז מען זיין זייער קלאר וואס מיר פראבירן דא צו טון.? אויף וואס זענען מיר גרייט צו שוויצן און האבן מסירות נפש? - אויף איין זאך: "צו לערנען גמרא יעדן טאג מיט א געוואלדיגע שטארקייט"! דאס אלעס איז וואס מיר ווילן. אבער 'יעדן טאג' און עס קיינמאל נישט אפשטעלן! אזא לעבן ווילן מיר האבן. אזוי ווילן מיר דורכגיין אונזערע יארן.

און איין שיינעם טאג... וועט עס געשען... מיר וועלן זיך פלוצלינג דערזען, אז מיר האלטן שוין כמעט ביים ענדיגן ש"ס...

אבער בשעת'ן לערנען, טאר מען נישט זוכן צו 'ענדיגן' גארנישט. נישט דעם מסכת, און אודאי נישט גאנץ ש"ס... אפילו דעם 'היינטיגן שיעור' וויל אויך נישט ענדיגן, נאר "לערנען".

בשעת'ן לערנען ווייל מען נאר 'לערנען נאך און נאך תורת השם!' און יעצט איז דא נאר די שטיקל! און אריין 'קריכן' טיפער אין די גמרא, און 'נאך בעסער' אויסהערן וואס די אמוראים האבן היינט מפרש צו זיין די דברי התנאים. פארשטיין זייער דיוקים אין די משנה, און "ארייגעשלעפט" ווערן און זייערע טענה'רייען, און 'מיט-טראכטן' מיט זיי. אריין נעמען זייער וועג פון טראכטן, זייער דעת תורה, און אונזער קליינעם מח (זאלן זיי אונז אביסל אויסשווענקען...)

איך בין א 'מוצלח' נישט נאר ווייל איך ענדיג א מסכת, אדער איך מאך א סיום הש"ס... - נאר פשוט ווייל איך לערן. איך בין 'דער גרעסטער מוצלח אין דער וועלט'! איך שעפ נחת פון יעדע ביסל תורה, און פון יעדע פשוטע סברה. דאס איז די וועג וויאזוי גדולי ישראל האבן געלערנט. און דערפאר האבן זיי 'טאקע יא' געענדיגט ש"ס... [און נישט איינמאל..!]

מיר זענען היינט געוואוינט צו זעהן גרויסע באשרייבונגען מיט בילדער פון סיומים וואס ווערן געפראוועט מיט גרויס כבוד, אויף א פארנעם וואס פאסט אוודאי פאר די תורה. עס איז טאקע געוואלדיג מיטצוהאלטן, א אמת'ע כבוד שמים.

אבער עס קען זיך צומאל אנהייבן דאכטן, אז 'דאס איז די זאך' דא, דאס איז די נאכט וואס השי"ת שעפט נחת פון אונז, און די איבעריגע טעג ווען מען זיצט ביי די גמרא... דאס איז עפעס אזוי סתם וואכענדיג... - אבער באמת, די אמת'ע כבוד שמים איז 'צו זיצן און לערנען', און דעמאלס איז ווען השי"ת קומט הערן און מיט לערנען מיט אונז (אבות פרק ג' ג'. רש"י שיר השירים ח יג) און פון דעי פשוטע לערנען איז נישט דא קיין בילדער און קיין באשרייבונגען, - אבער דעמאלס געווינען מיר די ריכטיגע מלחמה. דעמאלס געשעהט עס. ווען די גייסט אין ביהמ"ד און די מאכסט אויף די גמרא, דאס איז ווען די זאך געשעט!

דער 'סיום' איז נישט די זאך וואס זאל דיר שלעפן, ווייל דא איז דא עפעס 'אסאך גרעסער' פון די גרעסטע סיום. און דאס איז 'איין קליינע שטיקל גמרא'. דער סיום איז נישט די באצאלדינג פארן לערנען, ווייל קיין שום סיום אין די וועלט קען נישט באצאלן 'איין קשיא' אין די גמרא, אדער 'א האלבע משנה'. ס'איז נישטא גענוג א גרויסע סעודה צו מאכן אויף דעם. [אפשר די סעודת לויתן...]

ס'איז אזוי ווי איינער ווערט אויסגעהיילט פון א שווערע קרענק, און ער מאכט א גרויסע סעודת הודאה. ער איז נישט יעצט גליקליך ווייל ער האט א שיינע 'סעודה'... זיין שמחה איז אז ער איז אויסגעהיילט. קיין שום סעודה קומט נישט צו צו די גליק פון פשוט זיין געזונט..! אוודאי ביי גמרא, וואס דאס איז 'די אמת'ע רפואת הגוף והנפש' און די ישועה אויף אלע צרות... מיר ווערן 'געהיילט' דורך די תורה וואס איז 'לכל בשרו מרפא'. (אבות פרק ו משנה ז)

אז די ביסט היינט אין די גיסטע, צו האבן עפעס אזוי געוואלדיג ווי א סיום הש"ס...? נישט קיין פראבלעם, לערן א ביסל גמרא, האסטו א סיום הש"ס...

ווייל ווי געשריבן פריער, מען ענדיגט נישט ש"ס ביים סיום... ש"ס ענדיגט מען די גאנצע צען יאר, 'יעדן טאג ווען די זיצט און לערנסט'! דער סיום איז נישט מער ווי א סעודה...

אודאי מוז מען מאכן גרויסע סיומים, עס 'הייבט דעם מאראל' און בלאזט אריין נייע כוחות הנפש נאכאמאל אריינצוטאנצן בקשרי המלחמה מיט פרישקייט... - אבער דאך, דאס קען נישט האלטן א מענטש געגוג לאנג, אנצוגיין קעגן די ריזיגע שוועריגקייטן דורכצושווימען גאנץ ש"ס. דערפאר דארף מען צוביסלעך זיך אריבער ריקן צו א פשוטע ווילן "צו לערנען גמרא".

*

פון די אנדערע זייט דארף מען אויך וויסן נאך עפעס.

לאמיר זיין אמת'דיג. עס איז אויך דא טויזענטער אידן וואס דערווייל, איז א ציהל צו ענדיגן גאנץ ש"ס, צי א גרויסע אינטערנעמונג, און עס ארבייט נישט פאר זיי. עס מאכט זיי נאר פרעשור... און מאכט זיי פילן אז זיי זענען נישט מצליח... ווייל זיי ווילן נאר 'גאנץ ש"ס', און דאס איז צו פיל. דאס ברענגט אסאך מענטשן אז זאלן 'אויפגעבן אויף גמרא'. - דאס איז א געפערליכע פראבלעם..!

דערפאר, אויב די זעסט אז די האסט שוין אזויפיל מאל אנגעהויבן ש"ס... האסט שוין אנגעהויבן פארשידענע מסכתות... און אלץ ארויסגעפאלן פונעם סדר, און יעצט, איז שוין נישט אזוי געשמאק נאכאמאל צו פראבירן... ווייל איך ווייס דאך, איך גיי סייווי

נישט ענדיגן ש"ס... יעצט ווערט שוין די גאנצע לימוד הגמרא אזא נאכגעלאזטע זאך...

דאס מיינט אז דיין ווילן צו ענדיגן ש"ס, דאס 'שטערט דיך נאר פון לערנען'.

אזא איינער דארף וויסן: הער אויף ענדיגן ש"ס, הייב אן לערנען ווי אונזערע זיידעס האבן געלערנט! אויף דיר זאגן חז"ל: לא עליך המלאכה לגמור (אבות ב כא) און זעץ דיך לערנען 'גמרא מיט געשמאק...' דערווייל האב נישט קיין ציל צו ענדיגן ש"ס, הייב אן צו ענדזשויען א קליין שטיקל גמרא. ווי זיס איז דאס?

לאז נישט אז 'ענדיגן ש"ס' זאל גאר זיין דער 'אפהאלט' צו לערנען גמרא...

נאך א שטיק צייט 'ליגן אין די גמרא יעדן טאג', וועסטו מאכן א מיטינג מיט דיר אליין, און זען צי די קענסט דיר שוין יא אינטערנעמען ש"ס. אודאי זאלסטו דעמאלס אריין שפרינגען דערין מיט די גאנצע שטארקייט. - אבער קודם מוז מען האבן 'רואיגקייט' אויף אנצוהייבן.

עס איז אפשר נישט אזוי פאפולער היינט אזא לערנען... ס'איז נישט אין סטייל, אבער מ'דארף דאך נישט נאכגיין יעדע מאדע... אונזערע זיידעס האבן אלע אזוי געלערנט. א ווארט פון די גמרא איז געווען חשוב ביי זיי, זיי האבן זיך נישט געמוזט 'שוין ענדיגן גאנץ ש"ס', - זיי האבן 'געלערנט'! זיי האבן געהאט די מדה פון הסתפקות און עין טובה אויך ביים לערנען. (וראה במדרש שמואל אבות ב ט) זיי האבן געהאט א געוואלדיגע רואיגקייט, און א הנאה פון די גמרא. אפשר ווען מ'וואלט געוואוסט די חשיבות פון א שורה גמרא, וואלטן מיר אויך געווען רואיג ביים לערנען...

מען דארף אבער געדענקען, אפילו די געבסט אויף דערווייל צו ענדיגן ש"ס, אבער אויף זיצן און לערנען גמרא, יעדן טאג 'א שיין שטיקל צייט', און צו קונה זיין 'קנינים' אין די תורה, און זיך כסדר 'רוקן ווייטער', דאס זאלסטו 'קיינמאל נישט אויפגעבן'.

ווייל א מענטש וואס האט נישט דעם 'שטופ' אנצוקומען ווייטער און ווייטער, וועט אסאך שנעלער געבראכן ווערן פאר די טירדות און שוועריגקייטן וואס קומען כסדר אונטער.

דערפאר אפילו די ציהלסט נישט יעצט דערווייל אויף גאנץ ש"ס, דאך מוז מען האבן קלענערע ציהלן, און א אייזערנעם רצון זיך אנצופאקן מיט 'ווי מער בלעטער גמרא', דאס איז א ציהל וואס מען דארף 'אייביג' האבן.

און דאס איז עפעס וואס מ'קען שוין היינט טון. - א ציהל צו ענדיגן ש"ס קענסטו

נישט אנקומען בעפאר אפאר יאר.. אבער די ציהל צו 'ליגן אין גמרא' קענסטו שוין היינט אנקומען דערצו..!

אבער מען דארף רעדן פון נאך עפעס.

דער לומד, וואס לערנט יא על סדר הש"ס, און ריקט זיך ב"ה פיין מיטן סדר - אבער צומאל פילט ער: הלואי וואלט איך געהאט מער צייט צו חזר'ן... צו איבערלערנען נאכאמאל... ס'איז דא גמרות וואס מ'פארשטייט נישט אזוי פונקטליך [מ'זאגט נישט אויס פאר קיינעם...] ווייל מ'מוז זיך שטענדיג רוקן ווייטער... און עס כאפט זיך אריין ספיקות אין קאפ: וואס וועט זיין מיט מיר... איך געדענק אזוי ווייניג..... און אמאל טראכט ער שוין: אפשר זאל איך אויפגעבן ש"ס...? און אנהייבן לערנען 'רואיגער'...

דארף מען געדענקען אז רוב מאל איז עס א טריק פונעם יצר. ער וויל דיר 'צושאקלען' דיין סדר, און דערנאך וועט ער שוין 'ארלעדיגן' אז די זאלסט נאך-ווייניגער לערנען...

דער יצר הרע, זיין שליחות איז צו דרייען א קאפ פאר 'יעדן', און ער לאזט נישט אויס 'קיינעם'. ער מאכט שטענדיג זיכער אז דו זאלסט 'נישט פילן גוט פון דיין לערנען', און ער זשוזשמעט דיר אין די אויערן אריין, די אלע ספיקות.

א סימן האסטו אז ס'איז עצת היצר, ווייל דו האסט נישט קיין הנאה פון דיין לערנען. - עצבות קומט נאר פון אים, ווי דער בעל התניא שרייבט (לקוטי אמרים פרק כו) אם נופל לו עצב ודאגה ממילי דשמיא בשעת עסקיו... או בשעת עבודה בתלמוד תורה... בידוע שהוא תחבולת היצר כדי להפילו אח"כ בתאוות ח"ו. [ער וויל זאלסט נישט 'הנאה האבן', אזוי דערנאך וועסטו ח"ו מוזן זוכן זיינע הנאות...] (וראה עוד בפרי הארץ להרה"ק מוויטעפסק זי"ע סוף מכתב כב. וביסוד העבודה מכתב נח)

דער יצר טוב אבער, רעדט שיין, רעדט זיס, ווערטער וואס 'היילן', לשון חכמים מרפה. (משלי יב יח) ער וואלט דיר קיינמאל נישט אוועקגעמאכט... ער וואלט געזאגט: דיין לערנען איז אזוי געוואלדיג, לאמיר זען, ווי קענסטו צולייגן נאך אביסלע חזרה..?

גיב נישט אויף דיין ציל. אפילו די זעהסט אז די גייסט מוזן אויסלאזן עטליכע בלאט פון געוויסע מסכתות. ס'איז גארנישט. אזוי ענדיגט מען ש"ס! געדענק: ווילן 'צו גוט' איז עצת היצר וואס פארקויפט דעם שקר אז: 'אדער אלעס אדער גארנישט' - אבער ס'איז דאך דא נאר איין אמת, אז סיי וואס דו לערנסט, ביזטו דער גליקליכסטער מענטש אין

די וועלט.

'טויש נישט...!' זיי צופרידן פון דיין שיינע חלק בתורה. זיי צופרידן אז דו רוקסט זיך, און דו ביסט זוכה אדורצולערנען אזויפיל בלעטער גמרא, און דיין מח ווערט דורכגעוואשן מיט אזויפיל סגיות התורה. אזא איינער דארף געדענקען: חס ושלום קיינמאל נישט אויפגעבן! ס'איז נישט קיין בושה אז געוויסע גמרות האט מען געמוזט אויסלאזן... ס'גארנישט, קיינער קען נישט די גאנצע תורה. וואס האסטו מורא? מענטשן וועלן געוואר ווערן אז די קענסט נישט אלעס? זיי ווייסן סייווי, ווייל זיי קענען אויך נישט... און דער אויבערשטער וויל נישט די זאלסט דיך שטופן מער ווי דיינע כוחות, ווייל די גייסט קראכן פריער אדער שפעטער. (ראה מש"כ ביסוד העבודה מכתב לח)

מיר שרייבן דאך נישט דא פאר גאונים אדירים וויאזוי שולט צו זיין אין גאנץ ש"ס... נאר פאר געהעריגע מענטשן וואס זייער ציל איז נאכנישט צו קענען גאנץ ש"ס בעל פה ווי דער גרעסטער גאון... מיר רעדן דא פון דורכלערנען, און קונה זיין ווי ווייט מעגליך, יעדער לויט זיין מדריגה... מ'טאר זיך נישט נער'ן, מ'דארף וויסן ווי מ'האלט, און וואס איז געמאכט פאר מיר.

ווען דו זעסט זיצן 'צען טויזענט מענטשן' ביי א סיום, זאלסו אין אכט נעמען, אז [קודם נישט אלע האבן געענדיגט.. קיינער טוט זיך נישט אן א סיין 'איך בין נישט קיין מסיים'...] און דערנאך, ס'איז דא 'צען טויזענט אנדערע מדריגות' אין ענדיגן ש"ס. יעדער האט עס געלערנט אנדערש.

איינער האט עס געלערנט מיט א חברותא, איינער איז געזיצן ביי א שיעור, איינער האט עס גאר פארגעלערנט.. איינער האט געלערנט א בלאט אין א האלבע שעה, איינער אין פיר שעה, ס'איז דא וואס גייען צוריק צו לערנען די בלעטער וואס מ'האט פארפאסט יו"ט, און עס איז דא 'וואס קענען נישט' און זיי מוזן ווייטער מיטהאלטן נאך יום טוב, כדי נישט ארויסצופאלן ח"ו.

יעדער האט זיך זיין מדריגה אין ש"ס, און דו האסט 'דיין מדריגה'. דער אייבערשטער וויל 'אסאך מיני לומדי תורה' נישט נאר איינס. און 'ער האט' אלע מיני... און מיר בעטן: ותן 'חלקנו' בתורתיך, מיר זוכן 'אונזער חלק' בתורה, נישט יענעמס...

*

עס איז שוין היינט גוט באקאנט אז ווייניג מענטשן ענדיגן ש"ס אליינס, רוב מסיימים טוען עס צוזאמען מיט א קהילה אדער חבורה בכח הרבים. ס'איז שוין היינט זייער פשוט, אז עס גייט אסאך גרינגער מיטצופארן מיט א רבים.

אבער ביי אסאך מענטשן איז דאס גורם א פראבלעם.

זיי זיצן אוןווארטן אויף ווען דער עולם גייט אנהייבן נאכאמאל ש"ס... אדער 'כאטשיג א נייע מסכת...' דעמאלס גייען זיי אנהייבן...

דאס איז א נערישקייט. ס'פעהלט בכלל נישט אויס צו ווארטן...

עס גייט 'קיינמאל נישט זיין א בעסערע טאג ווי היינט' זיך אריין צו ווארפן אין ש"ס. יעדן טאג וואס די ווארטסט, פארפאטשקעסטו נאר 'נאך א געלונגענעם טאג'.

טאנץ יעצט ארויף אויפן באן. די ביסט יעדן טאג סייווי ביי די באן סטאנציע... דארפט פשוט ארויסנעמען א גמרא פון שאנק, ארויפגיין אויפן באן און מיטפארן מיטן עולם. די קענסט אריינטאנצן אין ש"ס ווען דער עולם האלט אינמיטן, און די וועסט ענדיגן ש"ס ווען מ'וועט נאכאמאל אנקומען דא...

וואס האסטו מורא? אז די וועסט אנהייבן און די וועסט ארויספאלן נאכן לערנען פינעף בלאט? וואס איז דער פראבלעם בכלל? אז די וועסט האבן געלערנט 'פינעף בלאט גמרא' ביסטו שוין א געווינער!

אבער אויב ווארטסטו אנצוהייבן ש"ס אויף דעם קומענדיגן מחזור, קענסטו זיין זיכער אז די גייסט עס נישט מאכן, ווייל ווילאנג די האסט נישט א 'ברענעדיגע חשק' און עס גייט דיר נישט אין לעבן צו לערנען יעדן איינציגסטן טאג, גייסטו סייווי נישט קענען אויסהאלטן די שווערע עבודה פון ענדיגן ש"ס ביזן סוף.

אויב אזוי בלייבט נאר איבער איין זאך; הייב 'שוין' אן צו לערנען יעדן טאג! פארברענג נישט קיין צייט.

אסאך מענטשן האבן הנאה ווען מ'מאכט זיי א סדר אויף ש"ס, אבער ס'איז אויך דא אסאך מענטשן האבן דאס 'נישט' ליב, ס'איז זיי שווער זיך צוצושטעלן צו א צווייטנס פלאן... - 'קיין פראבלעם', קענסט לערנען ש"ס אויף דיין אייגענע סדר... מענטשן מיינען

היינט אז דאס איז ממש אסור... אבער באמת, אמאל האט יעדער אזוי געלערנט... סתם 'זיץ און לערן' וועלכע גמרא די גלייכסט, ווארף דיך אריין אין וועלכע מסכת די ווילסט, שטייט, שנעל, גרינג, שווער, אין אדם לומד אלא במה שלבו חפץ, (עבודה זרה יט.) אבער 'לערן ווי מער צייט'. דאס זאל זיך נישט טוישן.

אויך איז דא געוויסע מענטשן, וואס וואלטן געוואלט אז 'א נס' זאל געשען צו זיי: זיי זאלן זיך איין טאג אויפוועקן אז זיי האבן געענדעגט ש"ס. אזא חלום האבן זיי. [גאנץ א זיסע חלום...]

האבן מיר אייך גוטע נייעס: עס איז שוין געשען..! יא. בעפאר דו ביסט געבוירן געווארן, האט מען שוין געלערנט מיט דיר גאנץ ש"ס. אבער צוליב געוויסע סיבות, האט א מלאך ערלעדיגט אז די זאלסט עס פארגעסן... (נדה ל:) ווייל סתם "צו פילן גוט מיט זיך" איז נישט די ציל דא... די זאך איז 'עס צו לערנען', צו שוויצן, צו "הארעווען" אין ש"ס.

ש"ס, קען מען נישט גיבן 'אזא ענדיג...' דער ים התלמוד איז א ריזיגער 'ים' וואס מען קען עס נישט גיבן אזא 'שווים דורך'! מען דארף זיך אריינלאזן דערין און שווימען יעדע אינטש עקסטער, און מיר דארפן זיין גרייט צו שווימען 'יארן לאנג' און קיינמאל נישט ארויסגיין פון וואסער... און מסיח דעת זיין דערפון, ווייל התעיף עיניך בו ואננו. (משלי כג ה) דערפאר דארף מען כסדר זיין אין א געיעג איינצוקויפן ווי מער בלעטער פון ש"ס.

און צום שלוס, געדענק: סיי אויב דו ריקסט דיך מיט ש"ס, סיי אויב דיין ציל איז דערווייל א קלענערער.. איז אלץ די קשיא 'היינט', וויפיל האב איך היינט געלערנט..?

און די וואס ריקן זיך מיט ש"ס, זיי ווייסן אז די קשיא איז 'היינט', זיי האבן דאס א גאנצן טאג אויפן קאפ: וויפיל האב איך מיר היינט געריקט! און וויפיל האב איך היינט איינגעקויפט!

## גאנץ ש"ס

א ציהל צו ענדיגן ש"ס, פארמאגט אין זיך א מורא'דיגן כח צו טרייבן מענטשן צו די גמרא טאג נאך טאג מיט גרויס הצלחה.

## לאמיר זיין אפן

עס איז אויך דא טויזענטער אידן וואס דערווייל, איז א ציל צו ענדיגן גאנץ ש"ס, צי א גרויסע אינטערנעמונג. עס מאכט זיי נאר פרעשור... און פילן אז זיי זענען נישט מצליח... דאס ברענגט אסאך מענטשן זאלן 'אויפגעבן אויף גמרא'. - דאס איז א געפערליכע פראבלעם..!

## נעם אין אכט

מען שטרעבט צו האבן דעם געהויבענע געפיל פון האבן מסיים געווען ש"ס, - אבער צו זיצן און לערנען 'אפאר שורות' פון דעם 'זעלבן ש"ס', פילט מען עפעס נישט אזא זכי'... און מען האט נישט אזא תאוה דערצו...

## געדענק

ענדיגן ש"ס, איז אייביג נאר 'איין שיעור'. אפילו בלעטער וואס מ'מוז משלים זיין, איז אויך נאר איין שיעור אויפאמאל... 'איין שיעור קען מען נאך לערנען...!'

## טראכט אריין

די גאנצע שוועריגקייט פון ש"ס ליגט נאר אינעם 'היינטיגן שיעור', נישט אין אלע אנדערע בלעטער... דערפאר איז אייביג דא זייער שווערע נסיונות צו לערנען 'היינט'. - אבער פון די אנדערע זייט, איז 'איין טאג' נישט אזוי שווער צו געווינען... און אויב די האסט געלערנט היינט, ביזטו דער געווינער!

## בשעת'ן לערנען

איך בין א 'מוצלח' נישט נאר ווייל איך ענדיג א מסכת, אדער איך מאך א סיום הש"ס... - נאר פשוט ווייל איך לערן. דאס איז די וועג וויאזוי גדולי ישראל האבן געלערנט. און דערפאר האבן זיי 'טאקע יא' געענדיגט ש"ס... און נישט איינמאל..!

## מאך א סדר

די גמרא מעג זיין שווער, אבער דער 'סיסטעם' מוז זיין גרינג. קום אויף מיט עצות: וויאזוי קען איך אויסשטעלן א געלונגענעם סיסטעם 'וואס ארבייט פאר מיר'?

## היינט

טאנץ יעצט ארויף אויפן באן... דארפט פשוט ארויסנעמען א גמרא פון שאנק, און מיטפארן מיטן עולם. די קענסט אריינטאנצן אין ש"ס ווען דער עולם האלט אינמיטן, און די וועסט ענדיגן ש"ס ווען מ'וועט נאכאמאל אנקומען דא...

## פארשטיי

דער סיום איז נישט די עיקר זאך. קיין שום סיום אין די וועלט קען נישט באצאלן 'איין קשיא' אין די גמרא, אדער 'א האלבע משנה'. ס'איז נישטא גענוג א גרויסע סעודה צו מאכן אויף דעם.

## זיי קלאר

מען מוז זייער קלאר וואס מיר פראבירן דא צו טון.? אויף וואס זענען מיר גרייט צו האבן מסירות נפש? - אויף איין זאך: "צו לערנען יעדן טאג מיט א געוואלדיגע שטארקייט"! אבער 'יעדן טאג' און עס קיינמאל נישט אפשטעלן!

## נוטע נייעס

איינער וואס געווינט יעדן טאג נאר 'די היינטיגע מלחמה', וועט איין שיינעם טאג... זיך פלוצלינג דערזען, אז ער האלט שוין כמעט ביים ענדיגן ש"ס...

****

# פאלגט נאך די קומענדיגע ארטיקלען:

- לאמיר רעדן אפען
- צוריק קיין איראק
- אויף איין טיש מיט די אמוראים
- וואס איז גמרא?
- פארוואס לערנען מיר גמרא?
- צווי וועלטן
- ״ברייתות״ וואס איז דאס?
- וועג ווייזערס
- אזויפיל קשיות?
- אזויפיל אמוראים?
- אזויפיל מחלוקות?
- וואס וויל איך יעצט?
- לערנען/חזר'ן
- זאגט די היילינגע רש״י
- די אמת'ע ציל
- קלארקייט

## ענדיגן ש״ס

- א טעם אין לערנען/פלאנן
- שיעור עיון
- למעשה, וואס טו איך יעצט?